# פוסק הדור כ"ק ראב"ד ירושלים שליט"א קומט ארויס מיט פרישן מכתב קודש איבער דעם הארבן איסור פון "עבודה זרה שייטלעך" פון אינדיע

ירושלים. - פאר ערליכע אידן איבער דער גארער וועלט איז דער נושא פון די עבודה זרה-שייטלעך גענצליך נישט פרעמד. עס געדענקט זיך נאָך גוט דעם געוואַלדיגן התעוררות וואָס האָט זיך געשאַפן מיט זיבעצן יאָר צוריק, בשנת תשס"ד, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז די האָר פון די שייטלעך קומען פון אינדיע, וואו די גלויביגע גויים שערן זיך דאָס אָפּ לשם עבודה זרה.

שוין דאַן בשעתו איז אַרויסגעקומען א שאַרפער איסור פון די גדולי הרבנים בארה"ק אין שפיץ פון די שרי התורה חברי הבד"צ נבג"מ ולהבלחט"א החיים איתנו לאויושט"א ובראשם דער פוסק הדור ראב"ד ירושלים שליט"א, אינאיינעם מיט'ן פוסק הדור בעל "שבט הלוי" זצ"ל און אין די ליטווישע וועלט אין שפיץ פון הגאון הגדול רבי ניסים קארעליץ זצ"ל און הגרי"ש אלישיב זצ"ל און נאָך, אזוי אויך זענען די גדולי ישראל אין אמעריקע אין שפיץ פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א וואָס איז דאַן געשטאַנען בראש המערכה קעגן די עבודה זרה-שייטלען, ארויסגעקומען מיט א שארפן איסור דערקעגן.

אין די לעצטע תקופה איז דער נושא ווידעראַמאָל ארויף אויפ'ן שולחן מלכים, מאן מלכי רבנן, דערנאך וואס א גרופע פון ליטווישע יונגעלייט האבן באשלאסן צו אויסרייסן און חלילה מקעקע זיין דעם הארבן איסור, וואס איז בשעתו ארויס דורך די גדולי ישראל נבג"מ ולהבלחט"א.

די דאזיגע יונגעלייט האבן ארויס געגעבן א בוך אונטער'ן נאמען "הכצעקתה", וואס ווערט שטארק פארשפרייט סיי אין ארץ ישראל און סיי אין אויסלאנד איבער דער גארער אידישער וועלט, ווען עס האט זיך ליידער אנגעפאנגען צו זען, אז זייערע ווערטער ברענגען רעזולטאטן בעוה"ר צו מיקל זיין אין דעם הארבן איסור, ווען זייערע אלע ווערטער זענען געשטעלט צו ווייזן אז די דעמאלטסדיגע אוסרים די גדולי הדור, האבן נישט פארשטאנען דעם מציאות הדברים, און בלויז זיי האבן באוויזן אויסצופארשן די עדות און פארשטייען פון די דאקומענטן אין אינדיע אז עס האנדלט זיך נישט פון עבודה זרה אא"וו.

דערקעגן האבן זיך עטליכע חשוב'ע יונגעלייט און עסקנים לשם שמים אריינגעלייגט אין דעם געביהט, אויפצואווייזן קלאר און קליפ, אז די ווערטער פון די אמת'ע גדולי הדור זענען חי וקיים, און ווייזן אויך אויף מיט דאקומענטן און עדות'ער אויפ'ן ארט, אז דא האנדלט זיך פון עבודה זרה ממש ה"י.

אין ליכט פון דעם, איז דער פוסק הדור הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א ראב"ד ירושלים ארויסגעקומען מיט א שארפן בריוו, וואו ער פארשטארקט דעם איסור חמור קעגן די עבודה זרה שייטלען, וואס לויט אסאך פוסקים איז עס אביזרייהו דעבודה זרה און גייט אריין בגדר יהרג ואל יעבור.

דער ראב"ד שליט"א פאנגט אן דעם מכתב קודש ווי פאלגענד: "בעניין השימוש בשער שמקורו בבתי עבודה זרה בהודו, כבר כתבתי כמ"פ לאיסור אחר שנתבררו הדברים מפי עדים נאמנים שנכחו במקום לברר הדבר, וכן הורו גדולי ההוראה זצוק"ל ויבדלחט"א".

"ופלא הדבר שקמו איזה אנשים לפרסם להיתר נגד גדולי ישראל שאסרוהו, ומי לא יחוש אפילו לחשש רחוק דעוון החמור ביותר של הנאה מתקרובת ע"ז, שלדעת הרבה מהפוסקים הוי אבזרייהו דעבודה זרה, ויהרג ואל יעבור, וכ"ש לאחר שנתבררו הדברים בבירור גמור על ידי הבד"ץ דפיעה"ק ועוד רבים מגדולי התורה, הרי לאחר שכבר אסרוהו בית דין אין אחרים יכולים להתיר ח"ו ולומר שטעו במציאות, וזהו תעודת עניות שמוצאים היתר

(פארזעצונג אויף זייט 21)





Rabbi Moshe Sternbuch
Chief Rabbi
of the Orthodox Rabbinical Courts
Jerusalem
Rosh HaYeshiva- Ramat Bet Shemesh

משה שטרנבוך
ראב"ד
לכל מקהלות האשכנזים
עיה"ק ירושלים ת"ו
ראש הישיבה ברמת בית שמש
מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות ועוד

בע"ה
תמוז תשפ"א

בעניין השימוש בשער שמקורו בבתי עבודה זרה בהודו, כבר כתבתי כמ"פ לאיסור אחר שנתבררו הדברים מפי עדים נאמנים שנכחו במקום לברר הדבר, וכן הורו גדולי ההוראה זצוק"ל ויבדלחט"א. ופלא הדבר שקמו איזה אנשים לפרסם להיתר נגד גדולי ישראל שאסרוהו, ומי לא יחוש אפילו לחשש רחוק דעוון החמור ביותר של הנאה מתקרובת ע"ז, שלדעת הרבה מהפוסקים הוי אבזרייהו דעבודה זרה, ויהרג ואל יעבור, וכ"ש לאחר שנתבררו הדברים בבירור גמור על ידי הבד"ץ דפיעה"ק ועוד רבים מגדולי התורה, הרי לאחר שכבר אסרוהו בית דין אין אחרים יכולים להתיר ח"ו ולומר שטעו במציאות, וזהו תעודת עניות שמוצאים היתר מדומה לאחר שגדולי ישראל כבר אסרוהו.

והנה בהיות שהטשטוש נתרבה בעניין זה, ורבים אינם יודעים את מציאות הדברים וחומר האיסור ובפרט שהדברים נעלמים, הנני בזה לחזק ידי האברכים היקרים, אשר יראתם קודמת לחכמתם, העושים לשם שמים, העומדים על המשמר להתריע על חומר האיסור למען לא ייכשלו בו בית ישראל, ומפרסמים דברי הסברה לגלות ולהראות את המכשול, וראוי להרבות בפרסום הדברים בבית ישראל.

וכל העמלים עם הציבור לשם שמים זכות אבותם מסייעתם וצדקתם עומדת לעד (אבות ב, ב) וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו (שם ה, יח), ויתברכו על המתעסקים בזה בברכת "ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת", ויה"ר שחפץ ה' בידם יצלח ונזכה לראות בהעברת גילולים מן הארץ, בביאת גואל צדק במהרה בימינו.



4 Katzenelbogen St. Har-Nof. Jerusalem Tel: 02-6519610 :רח' קצנלבוגן 4 הר נוף, ירושלים ת"ו טל

# פוסק הדור כ"ק ראב"ד ירושלים שליט"א קומט ארויס מיט פרישן מכתב קודש איבער דעם הארבן איסור פון "עבודה זרה שייטלען" פון אינדיע

(פארזעצונג פון זייט 7)

מדומה לאחר שגדולי ישראל כבר אסרוהו".

און דא איז דער ראב"ד שליט"א מחזק די ערליכע עסקנים וואס שטייען על המשמר צו ווארענען איבער דעם חומר האיסור אז אידישע קינדער זאלן נישט נכשל ווערן דערמיט: "והנה בהיות שהטשטוש נתרבה בעניין זה, ורבים אינם יודעים את מציאות הדברים וחומר האיסור — ובפרט שהדברים נעלמים, הנני בזה לחזק ידי האברכים היקרים, אשר יראתם קודמת לחכמתם, העושים לשם שמים, העומדים על המשמר להתריע על חומר האיסור למען לא ייכשלו בו בית ישראל, ומפרסמים דברי הסברה לגלות ולהראות את המכשול, וראוי להרבות בפרסום הדברים בבית ישראל".

און דער ראב"ד שליט"א פירט אויס מיט'ן ברכת קודש: "וכל העמלים עם הציבור לשם שמים זכות אבותם מסייעתם וצדקתם עומדת לעד (אבות ב,ב) וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו (שם ה,יח), ויתברכו על המתעסקים בזה בברכת 'ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת', ויה"ר שחפץ ה' בידם יצלח ונזכה לראות בהעברת גילולים מן הארץ, בביאת גואל צדק במהרה בימינו". חתי"ק.

עס דארף צוגעצייכנט ווערן, אז ביים גרויסן "מסע הקודש" לכבוד כ' סיון תשע"ח, ווען דער ראב"ד שליט"א האט דאַן באזוכט אין ניו יאָרק לרגל דעם "כינוס כללי" פון סאטמארער חסידים, איז ביים באזוך פון כ"ק אדמו"ר מקאָסוב שליט"א אין קרית יואל, בבית האכסניא ביי הרבני הנגיד המפו' מו"ה עקיבא הערש קליין הי"ו, דאן דער שמועס אַריבער צו דעם פּראָבלעם פון די עבודה זרה שייטלען, וועלכע ווערן פאבריצירט אין אינדיע, ווען דער ראב"ד שליט"א האָט אין זיינע ווערטער אַרויסגעברענגט די שטאַרקע פונקטן, וואָס עס איז איצט נתחדש געוואָרן, און ווי שטאַרק מען דאַרף זיין געוואָרענט איבער די פאַרשידענע סאָרט שייטלען וואָס ווערט פאַרקויפט מיט גאָר שטאַרקע חששות פון עבודה זרה ממש.

דער ראב"ד שליט"א האָט דאַן דערציילט פאר'ן קאָסוב'ער רבי שליט"א, אַז ער האָט הערשט ממש אין די לעצטע טעג, בעפאָרן אַרויסקומען קיין ניו יאָרק, אַרויסגעשיקט פרישע שליחים קיין אינדיע, ווען דער קאָסוב'ער רבי שליט"א האָט צוגעלייגט אַז ער האָט אויך געשיקט א שליח, און מ'ערוואַרטעט צו הערן איבער די פרישע אַנטוויקלונגען אין דעם געביהט.

און טאקע א קורצע צייט דערויף איז דער ראב"ד שליט"א ווידעראמאל ארויסגעקומען מיט א שארפן בריוו דערוועגן וואו ער האָט ברייט אויסגעשמועסט דעם גאַנצן נושא, אז עס איז גאָרנישט נשתנה געוואָרן פון אַמאָל, און די היינטיגע האר-שייטלען האָבן די זעלבע חששות און איסורים ווי אַמאָל.

ווי געזאגט איז איצט ערשינען דער פרישער בריוו פונעם ראב"ד שליט"א, דערנאך וואס עס זענען אויפגעשטאנען פארשידענע מעררים אויפ'ן הארבן איסור, ווי באריכטעט.

וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל.

# טויזנטער אידן זענען פוקד דעם ציון הק' פון הרה"ק משטעפינעשט זי"ע

ארץ ישראל. - דעם פארלאפענעם דאנערשטאג כ"א תמוז האבן געשטראמט טויזנטער אידן פון איבער גאנץ ארץ ישראל, צו פוקד זיין דעם ציון הק' פונעם פועל ישועות בקרב הארץ הרה"ק משטעפינשט רבי אברהם מתתיהו זי"ע, בן הרה"ק רבי מנחם נחום זי"ע, א רעכטער אייניקל פונעם סבא קדישא פון רוזשין זי"ע, לרגל די אכט און אכציגסטע יארצייט, וועלכער איז נטמן געווארן אויפ'ן בית העלמין "נחלת יצחק" אין שטאט גבעתיים אין ארץ ישראל.

הרה"ק רבי אברהם מתתיהו זי"ע פון שטעפינעשט איז געווען א קדוש עליון, ער האט כמעט גארנישט געגעסן און געזעצן אין תעניתים וסיגופים כל ימי חייו הקדושים עלי אדמות, ווען שוין פון קינדווייז אן, איז ער געווען מלא קדושה, טהרה ופקחות, האבנדיג אויף זיך די ספעציעלע רוזשינער אצילות און הייליגקייט.

א סאך רבי"ס אינעם לעצטן דור זענען געווען מבאי היכלו, ווי הרה"ק מריבניץ זי"ע און הרה"ק מסקולען זי"ע און נאך, וועלכע זענען געבליבן מקושר צו אים עד סוף ימיהם.

בחייו איז ער בארימט געווען מיט זיינע געוואלדיגע מופתים און ישועות למעלה מדרך הטבע, וואס מ'זעט ביזן היינטיגן טאג ביים ציון הקדוש, אין די בחינה פון גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן.

ער איז נסתלק געווארן כ"א תמוז תרצ"ג און איז באערדיגט געווארן אין שטאט שטעפינעשט אין ראמעניע, און אין יאר תשכ"ט, דערנאך וואס ס'האט געהערשט א פחד אז מ'גייט מפנה זיין דעם הייליגן קבר, האט מען אים איבער געפירט קיין ארץ ישראל און איז נטמן געווארן אויפ'ן ביה"ח נחלת יצחק אין גבעתיים.

ער האט ממנה געווען בחייו, בן אחותו הרה"ק רבי מנחם נחום זצ"ל פון איצקאן, אלס ממלא מקומו, אבער ליידער נטרפה שעתו, ווען ער איז נסתלק געווארן אונטער וועגנ'ס, אינעם עיר הבירה וויען, זייענדיג אויף מעדיצינישע באהאנדלונגען א חודש בעפאר זיין פעטער איז אוועק, און איז נסתלק געווארן כ"א סיון תרצ"ג, ומנוחתו כבוד בעיר הבירה וויען.

לרגל די יארצייט איז געפראוועט געווארן די סעודת הילולא, דורך די זקני החסידים, אין היכל בית המדרש שטעפינשט אין בני ברק, מיט די באטייליגונג פון פילע רבי'ס און רבנים שליט"א.

היי יאר, האבן די עסקנים אויפ'ן בית החיים, אויך צוגעשטעלט דעם גרויסן שאטער וואס באדעקט דעם באדען פונעם ציון הק' פון היץ, גלייכצייטיג איז צוגעשטעלט געווארן דער "דרך מהדרין" באזונדער פאר מענער, וועלכע קומען אן פון די אויבערשטע שאסיי, און פאר נשים באזונדער, וועלכע קומען אן פון די אונטערשטע גאסן.

אין די זעלבע צייט איז אויך צוגעשטעלט געווארן, ביים אריינגאנג צום בית החיים, אכילה ושתיה, ווארימע און קאלטע געטראנקען און לייכטע איבער-בייס, פאר די עולים לציון הק' און בפרט פאר די טויזנטער אידן, וועלכע קומען צו פארן פון די ווייטערע שטעט אין ארץ ישראל, א וועג פון עטליכע שעה, וואס ווערט צוגעשטעלט דורך מוסדות שטעפינעשט.

זכותו הגדול יגן עלינו.

אלקא דמאיר ענני
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס

# העדות של צדיקי הדור נשיאי הכולל זי"ע

...מוחזקת לנו מאבותינו הצדיקים הקדושים זי"ע והם קדשוה לשעתם ולעתיד לבוא וכאשר מילתי אמורה שהמחזיק בצדקה זו הרי הוא בבחינת מתפלל על מקום שהתפללו אבותיו ואלקא דמאיר אשר ענה לאבותינו הוא יעננו בכל משאלותינו.

כ"ק אדמו"ר הגה"ק מבאבוב זצוק"ל
נשיא הכבוד דכוללנו




יומא דהילולא ר"ח מנחם אב

# צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל חבת ירושלים




די הייליגע פושקע

1-866-PUSHKA-0
4802-A 12th Avenue, Brooklyn, NY 11219 / Tel: 718-633-7112
פאר א פושקע, רופט 24 שעה

